# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת נשא, י"ד סיון, אבות פרק א', שנת תשפ"ו לפ"ק
שנה 15, גליון 34 (753)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.......................**8:01**
מוצאי שבת קודש..............**9:32**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................דברי הימים-ב י"ז
בבלי..............................חולין ל'
ירושלמי............בבא קמא כ"ח
תוספתא...................יבמות י"ב
רמב"ם...........................מילה ט'

## אַ וָואוֹרְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן גַּם הֵם לְבֵית אֲבֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם**, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) אַז אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אוֹיךְ גְלֵייבְּן אִין זִיךְ, אַז עֶר אִיז אוֹיךְ חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים הָאבְּן. דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט לִיבּ צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיר נִישְׁט, דוּ בִּיזְט גָארְנִישְׁט וֶוערְד, פוּן דִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְן" דֶערִיבֶּער דַארְף זִיךְ אַ אִיד זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן וִויסְן אַז עֶר אִיז יָא זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס עֶר טוּט, מַאכְט עֶר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ב) אַז דִי וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אַן אֱמֶת'ן צַדִיק פַאלְט אוֹיף זֵיי אַרוֹיף אַ שִׁפְלוּת, זֵיי פִילְן זֵייעֶר גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ, וַוייל כְּדֵי צוּ בַּאקוּמֶען דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען בַּאקוּמְט בַּיים צַדִיק, דַארְף מֶען קוֹדֶם דוּרְךְ גֵיין שְׁוֶועריִקַייטְן. דֶערִיבֶּער דַארְפְן דִי וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אַ צַדִיק, זִיךְ סְפֶּעצִיעֶל זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער פָּסוּק פָארִיגֶע וָואךְ "**נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי קְהָת**" הֵייבּ אוֹיף דִי קֶעפּ פוּן דִי בְּנֵי קְהָת, שְׁטַארְק זֵיי, זֵיי דַארְפְן אַסַאךְ חִיזוּק, וַוייל זֵיי זֶענֶען אַזוֹי נָאנְט צוּ אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ, צוּ דִי הֵיילִיגֶע מִשְׁכָּן, דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, אוּן זֵיי דַארְפְן אַז דוּ זָאלְסְט זֵיי מְחַזֵק זַיין. זָאגְט אָבֶּער דֶער פָּסוּק אוֹיךְ "**נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן גַּם הֵם**", דִי בְּנֵי גֵרְשׁוֹן זֶענֶען אוֹיךְ נָאנְט צוּם מִשְׁכָּן, זֵיי דַארְף מֶען אוֹיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן מְחַזֵק זַיין. "**לְבֵית אֲבֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם**", זֵיי זָאלְן וִויסְן פוּן וָואסֶערֶע חָשׁוּב'עֶ מִשְׁפָּחָה זֵיי שְׁטַאמֶען. זֵיי זָאלְן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּפַאלְן אוּן צוּבְּרָאכְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס וִויל זֵיי צוּבְּרֶעכְן, נָאר זֵיי זָאלְן גֶעדֶענְקְן אַז זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה, נָשֹׂא, א')

**יְבָרֶכְךָ ה' וְיִשְׁמְרֶךָ**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר בֶּענְטְשְׁן אוּן אָפְּהִיטְן. זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יא, ה) **יְבָרֶכְךָ ה'**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר בֶּענְטְשְׁן מִיט גֶעלְט. (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יב, ג), **וְיִשְׁמְרֶךָ**, אוּן דִיךְ אָפְּהִיטְן פוּן מַזִיקִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ח) אַז בֶּאֱמֶת וָואלְט יֶעדֶער אִיד גֶעדַארְפְט הָאבְּן גֶעלְט, נָאר עֶס אִיז דָא אֵיין שְׁלֶעכְטֶע מִדָה וָואס דָאס נֶעמְט אַוֶועק דִי גֶעלְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דִי מִדָה, אֲפִילוּ וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען פַארְלִירְן גֶעלְט, קֶען מֶען זִיךְ אָבֶּער נָאךְ אַלְץ נִישְׁט מִתְגַבֵּר זַיין דֶערוֹיף. אוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָה אִיז "כַּעַס". כַּעַס אוּן גֶעלְט קוּמֶען פוּן דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, וֶוען מֶען וֶוערְט אִין כַּעַס, מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, דוּרְךְ דֶעם פַארְלִירְט מֶען דִי גֶעלְט. וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע זֶעהט אַז עֶס דַארְף יֶעצְט אַרָאפְּקוּמֶען הַשְׁפָּעוֹת פוּן גֶעלְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, שְׁטֶעלְט עֶר אִים אוּנְטֶער אַ נִסָיוֹן פוּן כַּעַס, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט דוּרְךְ, עֶר וֶוערְט אוֹיפְגֶערֶעגְט, פַארְלִירְט עֶר זַיין גֶעלְט. וַוייל מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶערֶעגְט בַּאשַׁאפְט עֶר שְׁלֶעכְטֶע מַזִיקִים, וָואס זֵיי זֶענֶען אִים מְצַעֵר אוּן מַאכְן שָׁאדְן זַיין גֶעלְט. דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק "**יְבָרֶכְךָ ה' בְּמָמוֹן**" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר בֶּענְטְשְׁן מִיט גֶעלְט, אָבֶּער עֶס פֶעלְט נָאךְ אוֹיס "**וְיִשְׁמְרֶךָ מִן הַמַּזִּיקִין**" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר אָפְּהִיטְן פוּן דִי מַזִיקִים וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פוּן כַּעַס, אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט. (זֹאת הַתּוֹרָה נָשֹׂא ג')

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט
### קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין

דִי גְרֶעסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן אִיז דִי עֵצָה פוּן "הִתְבּוֹדְדוּת", אַז אַ אִיד זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ גוּטֶער פְרַיינְד.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּן, עֶס אִיז גְרֶעסֶער אוּן חָשׁוּב'עֶר פוּן אַלֶעס, אוּן טַאקֶע דֶערְפַאר פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע זֵייעֶר שְׁטַארְק
<<<<<<

## א גוט ווארט

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ פַּארְלֵייגְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אִין דֶעם לִיגְט דִי הַצְלָחָה, סַיי בְּרוּחְנִיוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיוּת. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן י), פַארְוָואס אִיז אַ מֶענְטְשׁ וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת, עֶר אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ; פַארְוָואס אִיז אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט פְרֵיילִיךְ? וַוייל עֶר טְרֶעפְט נִישְׁט אִין זִיךְ נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, גוּטֶע זַאכְן, עֶר אִיז זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דָן לְכַף חוֹב; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זוּכְן אִין זִיךְ גוּטֶע זַאכְן, קוּק גוּט אוֹיף דִיר, אוּן זַיי נָאר פְרֵיילִיךְ; לָאז אָפּ דַיין עָבַר, שְׁלֶעפּ נִישְׁט דַיין פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, לָאז אָפּ דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, בַּאשׁוּלְדִיג זִיךְ נִישְׁט אוּן פַארֶענְטְפֶער זִיךְ נִישְׁט, קוּק נָאר אוֹיף פָארְאוֹיס.

רוֹב מֶענְטְשְׁן גֵייט אַרִיבֶּער זֵייעֶר טָאג, אַ הַאלְבֶּע מִיטְן זִיךְ בַּאשׁוּלְדִיגְן, אוּן אַ הַאלְבֶּע טָאג מִיטְן זִיךְ פַארֶענְטְפֶערְן, אוּן דָאס שְׁלֶעפְּט אַרַיין אִין אַ טִיפֶע עַצְבוּת, אִין אַ דֶערְבִּיטֶערְטְקֵייט; דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַזוֹיפִיל גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, מֶען דַארְף נִישְׁט קוּקְן אוֹיף צוּרִיק, מֶען דַארְף נָאר קוּקְן אוֹיף פָארְאוֹיס.

זַיי פְרֵיילִיךְ, גֵיי אַ טֶענְצְל "אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ..."

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נָשֹׂא-ב תשפ"ו)

אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# עֶרְנְסְטְקֵייט פוּן נֶערְוֶועֶן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב' (בְּהַעֲלוֹתְךָ בְּא"י), י"ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי נִישְׁט אַזוֹי עֶרְנְסְט שַׁבָּת, רוֹב מָאל אִיז דָאס עֶרְנְסְטְקֵייט פוּן נֶערְוֶועֶן, עֶרְנְסְטְקֵייט אִיז נִישְׁט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן דֶעם, בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת; שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, דִי סְעוּדָה דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, מַאךְ נִישְׁט דִי סְעוּדָה מִיט נֶערְוֶועֶן, מַאךְ נִישְׁט קִידוּשׁ מִיט נֶערְוֶועֶן, הַרְגֶ'עֶ נִישְׁט דִי קִינְדֶער, רַצְחְ'עֶ זֵיי נִישְׁט, שַׁבָּת זָאלְסְטוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, וַוייל אַזוֹי הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן יז): "שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ"; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנה): "בִּיסְט פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת?" הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין פְרוּם" (עֶרְנְסְט), הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ".

הֵייבּ אָן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, דָאס וֶועט אַרוֹיסְקְלַאפְּן פוּן דִיר דִי נֶערְוֶועֶן אוּן דִי מְשׁוּגַעַת'ן, דֶער רֶבִּי הֵייבְּט אָן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א, סִימָן א): "כְּמוֹ שֶׁהַמְּשׁוּגָּעִים צְרִיכִים לְהַכּוֹתָם", אַזוֹי וִוי אַ מְשׁוּגֶע'נֶער פַארְשְׁטֵייט נָאר וֶוען מֶען שְׁלָאגְט אִים מִיט אַ שְׁטֶעקְן, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער מֶענְטְשׁ וָואס זִינְדִיגְט, אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט רוּחַ שְׁטוּת, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה ג.): "אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת", דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט מְשׁוּגָע, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי מְשׁוּגַעַת'ן? דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה, "שֶׁבָּזֶה מַכִּין וּמַכְנִיעִין אֶת הַיֵּצֶר הָרָע, וּמְגָרְשִׁין מִן הָאָדָם אֶת הַשִּׁגָּעוֹן וְהָרוּחַ שְׁטוּת שֶׁנִּכְנַס בּוֹ", דִי תּוֹרָה אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ שְׁטֶעקְן, אוּן דָאס שְׁלָאגְט אוּן הַאקְט אַרוֹיס דִי מְשׁוּגַעַת, דִי נֶערְוֶועֶן, מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נָשֹׂא-ב תשפ"ו)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּשׁוּבָה

לג. עַל יְדֵי אַהֲבַת צַדִּיקִים, יְכוֹלִין הַצַּדִּיקִים לְהַחֲזִיר אֶת הָעָם בִּתְשׁוּבָה. דוּרְכְ'ן לִיבּ הָאבְּן צַדִּיקִים, קֶענֶען דִי צַדִּיקִים מַאכְן אַז דֶער עוֹלָם זָאל תְּשׁוּבָה טוּן.

לד. מִי שֶׁמַּחֲזִיר אֶת הָעָם בִּתְשׁוּבָה, בִּזְכוּתוֹ אֵין פַּחַד וּמַחְלֹקֶת בָּעוֹלָם. דֶער וָואס מַאכְט אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, אִין זַיין זְכוּת אִיז נִישְׁטָא קַיין שְׁרֶעק אוּן קַיין מַחְלוֹקֶת אוֹיף דֶער וֶועלְט.

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

אוֹיף דֶעם, עֶר פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע מִיטְלֶען אַז אַ אִיד זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ מַאכְן חֲלִישַׁת הַדַּעַת פַאר'ן מֶענְטְשׁ, אַיינְרֶעדְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס אוּן עֶר דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן אוֹת י', י"ב) אַז אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן פְלֶעגְט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, עֶר פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶס אִיז דוּרְךְ אוֹיף אִים בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן בְּרוּחְנִיּוּת, אוּן אַלֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט הָאבְּן. וָואס עֶס הָאט אִים גֶעפֶעלְט, הָאט עֶר אַלֶעס דֶערְצֵיילְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף פָּשׁוּט אִידִישׁ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד.

עֶס הָאט זִיךְ אָבֶּער גֶעמַאכְט אַסַאךְ מָאל וָואס עֶר הָאט גֶעפִילְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן, וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַסַאךְ מָאל אַז עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס זֶעט נִישְׁט אוֹיס וִוי עֶר טוּט עֶפֶּעס אוֹיף דֶערְמִיט, אוּן מִן הַסְּתָם וִויל אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, אוּן עֶר דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן.

אַזוֹי וַוייט אַז צוּמָאל הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל עֶר הָאט גֶעפִילְט אַז עֶס אִיז אַ שָׁאד דִי מִי אוּן פְלָאג, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים סַיי וִוי נִישְׁט, עֶר הֶערְט אִים סַיי וִוי נִישְׁט אוֹיס. אָבֶּער נָאךְ עֶטְלִיכֶע טֶעג הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אִיבֶּערְגֶעטְרַאכְט, אַז עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אַן אָב הָרַחֲמָן, עֶר הֶערְט זִיכֶער אוֹיס זַיינֶע תְּפִלּוֹת. אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ וַוייטֶער גֶעשְׁטַארְקְט, אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט, אַז אַלֶע מַדְרֵיגוֹת צוּ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען, אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִּיק, אִיז נָאר גֶעוֶוען דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אוּן וֶוען עֶר וָואלְט גֶעוואוּסְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ וָואס מֶען קֶען אַלֶץ צוּקוּמֶען דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעפַּאסְט אוּן זִיךְ מְסַגֵּף גֶעוֶוען, עֶר וָואלְט נָאר גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶער אוּן מֶער, עֶר וָואלְט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אֵיין טָאג וִויפִיל עֶר הָאט גֶערֶעדְט אִין אַ יָאר.

דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע חִיזּוּק, וֶוען מֶען זֶעט אַז דֶער רֶבִּי אַלֵיין אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען דִי זֶעלְבֶּע נִסָּיוֹן, עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעשְׁפִּירְט וִוי קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט אוּן קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט אָבֶּער זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן עֶר אִיז וַוייטֶער אָנְגֶעגַאנְגֶען, עֶר הָאט וַוייטֶער גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר נָאכְדֶעם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַלֶע זַיינֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת. אוּן דָאס דַארְף יֶעדֶער אִיד נָאכְמַאכְן.

וִוי נָאר מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ, דַאן וֶוערְט דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אֵיין שְׁטִיק רוּחְנִיּוּת, אֵיין שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער. וַוייל אֲפִילוּ דִי גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע זַאכְן שְׁמוּעֶסְט מֶען אוֹיךְ אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן וֶוערְט אַ שְׁטִיק רוּחְנִיּוּת.

אַזַא מֶענְטְשׁ וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט פִּילְן אַז עֶר אִיז אַלֵיין, אָדֶער אַז עֶר אִיז נִישְׁט אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, וַוייל וואוּ עֶר אִיז, אִין וָואסֶערֶע מַצָּב עֶר אִיז, וֶועט עֶר וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, אוּן עֶר וֶועט אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶען וֶועט אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט מֶען זֵייעֶר חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעהַאט אַזוֹיפִיל אִיבְּרִיגֶע צַייט, דָא בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן גַאס, דָא הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט וַוארְטְן אוֹיף אֵיינֶעם, אִיךְ הָאבּ דָאךְ אִין דִי צַייט גֶעקֶענְט אַרַיינְכַאפְּן אַפָּאר דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן", יֶעדֶע קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה פַארְן מֶענְטְשׁ, וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, אוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְרַשֵּׁל אִין דֶעם, נָאר וַוייל עֶר מֵיינְט אַז עֶס אִיז נָאר חָשׁוּב אוֹיבּ מֶען רֶעדְט אַ לֶענְגֶערֶע שְׁמוּעֶס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שֵׂכֶל אוּן נוּצְט אוֹיס דִי צַייט, עֶר כַאפְּט אַרַיין צוּ רֶעדְן יֶעדְן טָאג צוּ רֶעדְן כָאטְשׁ עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים זִיכֶער גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. (שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ עֶרֶךְ הִתְבּוֹדְדוּת)

## לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן רֶבִּי'ן (רנ)

**תתיא**

שַׁבָּת חֲנוּכָּה, פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ח כִּסְלֵיו, זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אַסַאךְ גֶעסְט.

בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט גָאר אַ לַאנְגֶע אוּן וואוּנְדֶערְלִיכֶע תּוֹרָה, וָואס הוֹיבְּט זִיךְ אָן "דִי חֲנוּכָּה טֶעג, זֶענֶען טֶעג פוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ב'), אִין דִי תּוֹרָה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַסַאךְ אַרוּמְגֶערֶעדְט אִיבֶּער דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן רֶבִּי'ן אַז דִי תּוֹרָה אִיז גֶעוֶוען אַ דַאנְק אוּן לוֹיבּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט אִים צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט בְּשָׁלוֹם פוּן לֶעמְבֶּערְג. וֶוען דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט דֶעמָאלְט גֵיין שְׁפַּאצִירְן הָאט עֶר אַסַאךְ מָאל זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אַז עֶר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט אִים צוּרִיק אַהֶערְגֶעבְּרֶענְגְט בְּשָׁלוֹם, וַוייל עֶס הָאט אִים אוֹיסְגֶעזֶען אַז עֶר וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל דָא נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען.

**תתיב**

בַּיים סוֹף פוּן דִי תּוֹרָה טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי אוֹיס דֶעם פָּסוּק וַיְהִי מִקֵּץ (בְּרֵאשִׁית מ"א, א'), לוֹיט דִי מַאֲמַר חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (תַּעֲנִית ה':) וֶועגְן אַ "בַּר בֵּי רַב דְּחַד יוֹמָא", דֶער וָואס אִיז גֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ נָאר פַאר אֵיין טָאג, דָאס אִיז גֶעוֶוען צוּלִיבּ אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס אִיז גֶעפָארְן פוּן שְׁטָאט בְּרַאהִילוֹב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבָּת חֲנוּכָּה, עֶר אִיז אָבֶער גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֶעקְן אִין נֶעמִירוֹב אוּן עֶר אִיז נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבָּת, אוּן נָאךְ שַׁבָּת אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן.

בִּשְׁעַת וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה הָאט עֶר נִישְׁט צוּגֶעעֶנְדִיגְט דִי פְּשַׁט אִין פָּסוּק "וַיְהִי מִקֵּץ" לוֹיט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, בִּיז וֶוען דֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז אָנְקוּמֶען אִינְמִיטְן דִי וָואךְ צוּם רֶבִּי'ן פַאר אֵיין טָאג, דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי צוּגֶעעֶנְדִיגְט דִי תּוֹרָה, אוּן דֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז מַמָּשׁ גֶעוֶוען אַ "בַּר בֵּי רַב דְּחַד יוֹמָא".

דָאס הָאט מֶען אַסַאךְ גֶעזֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וִוי אַזוֹי יֶעדֶעס וָוארְט פוּן דִי תּוֹרָה אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶערֶעכְנְט פּוּנְקְטְלִיךְ לוֹיט וָואס אוּן וִויפִיל עֶס דַארְף גֶעזָאגְט וֶוערְן, לוֹיט דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן זִיךְ דָארְט גֶעפוּנֶען, אוּן נָאךְ אַסַאךְ פַארְהוֹילֶענֶע סוֹדוֹת.

אוּם שַׁבָּת הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן עֶר זָאל צוּעֶנְדִיגְן צוּ אַרַיינְטַייטְשְׁן דִי תּוֹרָה אִינֶעם פָּסוּק מִיט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן, דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט, רֶבִּי נָתָן הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס, נָאר שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער אִיד אִיז אָנְגֶעקוּמֶען הָאט דֶער רֶבִּי צוּגֶעעֶנְדִיגְט דֶעם פְּשַׁט, הָאט דֶעמָאלְט רֶבִּי נָתָן פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי תּוֹרָה הָאט נָאר גֶעקֶענְט פַארֶענְדִיגְט וֶוערְן וֶוען דֶער אִיד אִיז דָארְט גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי אַזוֹי יֶעדֶעס וָוארְט אִיז גֶעמָאסְטְן אוּן גֶעוואוֹיגְן.

אוֹיךְ דָאס וָואס דֶער רֶבִּי רֶעדְט דָארְט אִין דִי תּוֹרָה פוּן דִי פִּיר זַאכְן וָואס רַבִּי אֱלִיעֶזֶר הָאט גֶעוִויזְן (בָּבָא מְצִיעָא מ"ט), הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיךְ נִישְׁט קְלָאר מַסְבִּיר גֶעוֶוען אוּם שַׁבָּת, נָאר אִינְמִיטְן דִי וָואךְ וֶוען עֶס אִיז אָנְקוּמֶען דֶעם רֶבִּי'נְ'ס בְּרוּדֶער ר' יְחִיאֵל מִיט נָאךְ פִילֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְקוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת חֲנוּכָּה, נָאר דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי צוּגֶעעֶנְדִיגְט צוּ עֶרְקְלֶערְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה. מֶען הָאט זֵייעֶר קְלָאר גֶעקֶענְט זֶען וִוי דִי תּוֹרָה וֶוערְט גֶעזָאגְט פּוּנְקְטְלִיךְ לוֹיט דִי נְפָשׁוֹת וָואס זֶענֶען דָארְט, אוּן וִויפִיל בַּאהַאלְטֶענֶע הוֹיכֶע סוֹדוֹת עֶס לִיגְט אִין יֶעדֶעס וָוארְט אוּן אִין יֶעדֶע פְּשַׁט.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט זָאגְן תּוֹרָה אוּם שַׁבָּת, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ זִינְגֶען דֶעם קַאפִּיטְל (תְּהִלִּים קכ"ד, א') "שִׁיר הַמַּעֲלוֹת לְדָוִד, לוּלֵי ה' שֶׁהָיָה לָנוּ, בְּקוּם עָלֵינוּ אָדָם" וְגוֹ', אוּן מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען דֶעם קַאפִּיטְל בַּיים טִישׁ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל. נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט דִי כַּוָּונָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמֵיינְט מִיט דֶעם.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"



שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# אַ קִינְד וָואס אִיז אִינֶערְלִיךְ אָנְגֶעצוֹיגְן?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וֶועגְן מַיין צֶען יֶערִיג אִינְגְל; עֶר לַיידְט פוּן אִינֶערְלִיכֶע אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט, עֶר וֶוערְט זֵייעֶר שְׁנֶעל אוֹיפְגֶערֶעגְט, אוּן זַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער לַיידְן אַסַאךְ מָאל פוּן דֶעם.

עֶר אִיז בָּרוּךְ ה' אַ לֶעבְּעטִיג קִינְד, מִיר הָאבְּן אָבֶער גֶעהַאט אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר שְׁפֶּעט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ גֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵּא, אוּן עֶס קֶען נָאךְ יֶעצְט פַּאסִירְן זַאכְן, סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַ שִׂמְחָה אָדֶער אַ פְּלַאץ וָואס אִיז אִים זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט מִיטְצוּהַאלְטְן, שׁוֹין אָפְּגֶערֶעדְט פוּן בַּיינַאכְט אַז עֶר זָאל זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן צוּ גֵיין וֶוען עֶר דַארְף. נֶעכְטְן זֶענֶען מִיר גֶעוֶוען מִיט אִים בַּיים דָאקְטֶער פַאר אַ יֶערְלִיכֶע אוּנְטֶערְזוּכוּנְג אוּן דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אַז מֶען זָאל אִים טְרָאגְן צוּ אַ פְּסִיכִיאָלָאג. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט אַז מִיר זָאלְן טוּן.

פוּן וֶוען עֶר אִיז יוּנְג שְׁרֵייעֶן מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ אוֹיף אִים, וַוייל עֶר אִיז אַ קִינְד וָואס נֶעמְט זֵייעֶר שְׁנֶעל אַרוֹיס פוּן דִי כֵּלִים. אִיךְ פְלֶעג אִים זֵייעֶר אַסַאךְ קְרִיטִיקִירְן, אָבֶער יֶעצְט אִיז שׁוֹין בָּרוּךְ ה' אַסַאךְ אַסַאךְ בֶּעסֶער. עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ הַאלְטְן רוּאִיג, סְפֶּעצִיעֶל מִיט דֶעם קִינְד. בָּרוּךְ ה' עֶס אִיז אַסַאךְ בֶּעסֶער פוּן אַמָאל, אָבֶער עֶס אִיז נָאכְאַלְץ וַוייט פוּן וִוי אַזוֹי עֶס דַארְף זַיין.

פַאר מִיר אַלֵיין טוּט זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויי יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ גֶעבּ אַ שְׁרֵיי אוֹיף אִים, אַסַאךְ מָאל שְׁפִּיר אִיךְ מַמָּשׁ וִוי אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט דוּרְכְטְרָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים. זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל פִּיל אִיךְ וִוי אִיךְ וִויל אִים מַמָּשׁ אָנְפְרַאסְקֶענֶען, בָּרוּךְ ה' אַז דָאס גֶעשֶׁעט נִישְׁט.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען עֶר אָבֶער אוֹיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל אַהֵיימְקוּמֶען זֵייעֶר רוּאִיג, עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף מַמָּשׁ וִוי דִי וואוֹילְסְטֶע אִינְגְל, עֶר הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל זַיין קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ אוּן עֶר קֶען זֵייעֶר שֵׁיין אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִינְדֶערְהֵיים.

אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן מִיט דֶעם. אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר גֶעוָואלְט צוּרִיק בַּאקוּמֶען אַן עֶנְטְפֶער וָואס שְׁנֶעלֶער.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א טוּט פַאר מִיר.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ו אִיָּיר, מ"א לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ שְׁרַייבְּסְט אַלֵיין דֶעם עֶנְטְפֶער, וַוייל פוּן שְׁרֵייעֶן אוּן דֶערְנִידֶערְן אַ קִינְד - דוּרְכְדֶעם וֶוערְט דָאס קִינְד אִינֶערְלִיךְ אָנְגֶעצוֹיגְן אוּן נִישְׁט זִיכֶער מִיט זִיךְ, אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ גוֹרֵם דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וְכוּ' וְכוּ'. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת כַּעַס, סִימָן כד): "עַל יְדֵי כַּעַס מוֹלִיד בָּנִים שׁוֹטִים", דוּרְךְ כַּעַס גֶעבּוֹירְט מֶען קִינְדֶער שׁוֹטִים; וַוייל דָאס שְׁרֵייעֶן אוּן דָאס דֶערְנִידֶערְן לָאזְט זֵיי נִישְׁט וֶוערְן אַנְטְוִויקֶלְט וְכוּ' וְכוּ'.

עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ אִים גֶעבְּן אַסַאךְ כָּבוֹד, אִים אוֹיפְבּוֹיעֶן; זָאגְן: "בִּיסְט אַזוֹי גוּט", "בִּיסְט אַזוֹי גֶעשִׁיקְט", "בִּיסְט אַזוֹי גֶעלוּנְגֶען", אוּן וֶוען עֶר טוּט זַאכְן שְׁטַייט אוּן דוּ ווִילְסְט שְׁרֵייעֶן, זָאלְסְטוּ אִים אוֹיסְלוֹיבְּן; זָאג אִים: "וִוי גוּט בִּיסְטוּ", "וִוי שְׁנֶעל טוּסְטוּ". דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רב): "כָּל מִי שֶׁשִּׂכְלוֹ קָטָן בְּיוֹתֵר, צָרִיךְ לַחֲלֹק לוֹ כָּבוֹד בְּיוֹתֵר", וִוי וֵוייניגֶער שֵׂכֶל מֶען הָאט - דַארְף מֶען

<<<<<<

<<<<<< שו"ת ברסלב

מֶער כָּבוֹד, "כִּי כָּל מַה שֶּׁשִּׂכְלוֹ יוֹתֵר קָטָן, הוּא יוֹתֵר חָפֵץ בְּכָבוֹד", וַוייל דִי וָואס הָאבְּן וֵוינִיג שֵׂכֶל - דַארְפְן מֶער כָּבוֹד; דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן, שְׁטֶענְדִיג אוֹיסְלוֹיבְּן דִי קִינְדֶער.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט מְקַבֵּל זַיין דִי שֵׂכֶל פוּן צַדִיק וָואס לֶערְנְט אוּנְז וִוי זִיךְ אוּמְגֵיין מִיט דִי קִינְדֶער, רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער; וַוייל נָאר אַז מֶען הָאט שֵׂכֶל פוּן צַדִיקִים הָאט מֶען רַחֲמָנוּת אוֹיף דִי קִינְדֶער. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִידוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן צו): "מִי שֶׁאֵין לוֹ רַחֲמָנוּת עַל בָּנָיו", וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט רַחֲמָנוּת אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער, "בְּיָדוּעַ שֶׁאֵין לוֹ חֵלֶק בַּשֵּׂכֶל דִּקְדֻשָּׁה", אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל; וַוייל מֶען טָאר נִישְׁט קְלַאפְּן קִינְדֶער, מֶען טָאר נִישְׁט דֶערְנִידֶערְן קִינְדֶער, אוּן אַז קִינְדֶער נֶעמֶען אַרוֹיס פוּן דִי כֵּלִים - דַארְף מֶען זֵיי מְחַנֵךְ זַיין מִיט סַבְלָנוּת אוּן מִיט זִיכֶערְקֵייט, נִישְׁט מִיט גֶעשְׁרֵיי אוּן מִיט דֶערְנִידֶערְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בַּמִדְבָּר תשפ"ד)

# דערהויבענער יו"ט שבועות מיט'ן ראש ישיבה שליט"א אין שטעטל

גאר א שיינער דערהויבענער יום טוב שבועות איז אריבער אויף אידישע קינדער בכל מקומות מושבותיהם, אלע אידן האבן פון פריש מקבל געווען די הייליגע תורה, און זיך פארגענומען פרישע קבלות ווי אזוי זיך צו שטארקן מיט לימוד התורה און מיט'ן מקיים זיין די הייליגע תורה.

פילע אנשי שלומינו האבן זוכה געווען מיטצוהאלטן דעם געהויבענעם יום טוב אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה שליט"א אין קרית ברסלב ליבערטי, די תפלות און די דרשות, דער תיקון ליל שבועות מיט די ניגונים, די אהבה רבה און די אקדמות, און אזוי ווייטער דער גאנצער יום טוב, האט גאר שטארק עושה רושם געווען אויף יעדן איינעם, און געברענגט א פרישקייט צו קענען ווייטער אנגיין אין לעבן, צו קענען ווייטער דינען דעם אייבערשטן, מיט געשמאק און מיט פרייד.

די ערשטע נאכט יום טוב איז מען זיך צוזאמגעקומען צו זאגן אינאיינעם דעם תיקון ליל שבועות, אויפ'ן ווי אזוי מוהרא"ש האט עס אוועקגעשטעלט, אז מען זאל זאגן דעם עיקר תיקון, וואס איז נאר די ערשטע און לעצטע פסוק פון תורה נביאים וכתובים, און דערנאך די תרי"ג מצוות, מען האט עס געזאגט אינאיינעם אויפ'ן קול, און מען האט אויך געזינגען ניגונים אינדערמיט, ניגונים פון דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אז ער האט אויסגעוועלט פאר זיין הייליג פאלק, און ניגונים פון תפלות ובקשות זיך אויסצובעטן ביים אייבערשטן אין אזא הייליגע נאכט.

אינדערפרי נאכ'ן דאווענען איז פארגעקומען א מילכיגע קידוש, וואו פילע קינדער, בחורים און אינגעלייט האבן מסיים געווען זייערע סיומים, יעדער לויט זיין שטייגער. עס האט איבערגענומען דאס הארץ צו זען און הערן די סיומים, יעדער אויף זיין אוועק האט זוכה געווען צו לערנען אזויפיל תורה, און איז זוכה צו מסיים זיין אינעם זמן מתן תורתינו. עטליכע האבן געמאכט א סיום הש"ס, אנדערע א סיום אויף האלב ש"ס, און אזוי ווייטער יעדער מיט זיין סיומים.

במשך דעם יום טוב האט דער ראש ישיבה שליט"א עטליכע מאל דערמאנט דאס וואס דער הייליגער רבי האט געזאגט אז ווער עס איז זוכה צו זיין ביי אים אין די דריי צייטן פון ראש השנה, שבת חנוכה, און יום טוב שבועות, וועט געראטעוועט ווערן פון עולם התוהו, וואס דאס מיינט אז מען איז זוכה צו זיין ביים הייליגן רבי'ן אין אומאן אויף ראש השנה, און אום שבת חנוכה און שבועות קומט זיך צוזאם צו דאווענען מיט ברסלב'ע חסידים, איז מען זוכה ארויסצוגיין פון עולם התוהו, סיי בפשטות אז ווען די נשמה שיידט זיך פונעם גוף דארף מען נישט דורכגיין דעם שרעקליכן עונש, און סיי די אנדערע פשטות אז נאך אויף די וועלט דריידט מען זיך נישט ארום אין עולם התוהו, מען לאזט אפ אלע נארישע דמיונות, און מען איז זוכה צו לעבן א גוט לעבן מיט'ן אייבערשטן.

מיר האבן זוכה געווען צו הערן דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א ביידע טעג נאכ'ן דאווענען ביים קידוש, און אויך ביידע טעג צווישן מנחה און מעריב, ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט דער ערשטן טאג פארליינט דעם נוסח התנאים און דעם צווייטן טאג די כתובה, ווי עס איז איינגעפירט ביי פילע אידישע קינדער.

דער ראש ישיבה שליט"א האט פארגעלערנט די שיחה פון הייליגן רבי'ן (שיחות הר"ן סימן כ"ג) אז אויף די וועלט פארשטייט יעדער די רחמנות אויף איינעם וואס איז ארעם און גייט ארום הונגעריג אפגעריסן און אפגעשליסן, מען פרובירט אים צו העלפן מיט רחמנות, אבער קיינער כאפט נישט די גרויסע רחמנות וואס עס איז דא אויף א נשמה אויף יענע וועלט, וואס דריידט זיך ארום הונגעריג, דארשטיג, און נאקעט, און דארט העלפט שוין נישט קיין רחמנות, אויב האט זיך דער מענטש נישט צוגעגרייט אויף די וועלט מיט תורה און תפלה, מיט מצוות ומעשים טובים, האט ער נישט קיין עסן און קיין קליידער פאר זיין נשמה.

דעריבער דארף יעדער איד רחמנות האבן אויך זיך אליין, אויף זיין אייגענע נשמה, און זיך אנגרייטן באצייטנס מיט שיעורים אין תורה, מיט'ן יעדן טאג רעדן צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך, בעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל נישט אריבערגיין די טעג און יארן מיט גארנישט, מען זאל זוכה זיין אנצופילן די צייט נאר מיט פילע גוטע זאכן, מיט תורה און תפלה און גמילת חסדים, און זיך אנגרייטן גוטע עסן און טרינקען און קליידער פאר יענע וועלט.

מוצאי יום טוב האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פריידיגע טענץ, צו באגלייטן דעם יום טוב, צו דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אויף אלע זיינע חסדים, און מיטנעמען דעם יום טוב פאר די גאנצע יאר.

# מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע - בנשיאות ראש הישיבה שליט"א**

## סימן טוב ומזל טוב

**מיר וואונטשן א הארציגן ברכת מזל טוב פאר'ן**

## ראש ישיבה שליט"א

**צום געבורט פון אן אייניקל**
**למזל טוב, א אינגל, ביי זיין זון**
מו"ה **אלחנן חיים רוטה** שליט"א
חתן מו"ה **מרדכי אינדיג** שליט"א
**מנהל תלמוד תורה היכל הקודש ליבערטי**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך און תלמידים, דורות ישרים ומבורכים, געזונט און פרנסה מיט פיל אידיש נחת; דער ראש ישיבה שליט"א זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש צו מחזק זיין אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, אריינברענגען די עצות פון הייליגן רבי'ן אין אידישע קינדער, אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, מיט בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יואל הכהן ראזענבערג** הי"ו קרית יואל
**צום שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב**
החתן **משה יצחק דוב** הי"ו עב"ג בת
הר"ר **חיים הערש לעבאוויטש** שליט"א מאנסי

***

מו"ה **יודא לייב ווייס** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **נח לעווין** הי"ו אלעד
גבאי ביהמ"ד היכל הקודש אלעד
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**


## לאמיר זיך איבערבעטן

**א שאד זיך אזויפיל צו קריגן, דו ביסט טאקע גערעכט, אבער וואס וועסטו פארדינען פון זיך קריגן, ווי אזוי קען מען זיך איבערבעטן?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 12, 2, 21**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז"ה**



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**